**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גראדואירונג פון 18 ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן**

***רעקרוטן טוען זיך אנשליסן אין די ראנקן פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס דיוויזיע פון געזעץ אינפארסירונג***

***ענווייראמענטאלע אפהיטונג* אפיצירן באפוילן צו באשיצן ניו יארקער, פארשן *ענווייראמענטאלע פארברעכנס, און באשיצן פיש און ווילדלייף***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 18 נייע גראדואירטע פון די 23'סטע בעיסיק סקול פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן. אלץ א טייל פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation, DEC) דיוויזיע פון געזעץ אינפארסירונג, וועלן די אפיצירן ארבעטן אין קאמיוניטיס איבערן סטעיט צו באשיצן פיש און ווילדע באשעפענישן און אפהיטן ענווייראמענטאלע קוואליטעט איבער ניו יארק. די פייערונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי די Empire Expo Center ביי די ניו יארק סטעיט פעירגראונדס אין סירעקיוס האט געפייערט גראדואירטע וואס האבן פארענדיגט זעקס חדשים פון געזעץ אינפארסירונג און נאטורליכע רעסאָרסן טרענירונג אין די קלאסצימער ווי אויך אין פעלד.

"עס איז קריטיש אז ניו יארק'ס נאטורליכע רעסאָרסן זאלן זיין באשיצט און אז די וואס זוכן זיי אויסצונוצן זאלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך גראטוליר די נייע גראדואירטע אויף זייער שווערע ארבעט זיך צו אנשליסן אין די ראנקן פון די הונדערטע אנדערע געטרייע ענווייראמענטאלע אפהיטונג אפיצירן וואס פאטראלירן אונזער לאנד און וואסערן איבער׳ן סטעיט און אונז וואונטשן זיי לאנגע, באשיצטע, און באפרידיגטע קאריערס."

פאר די לעצטע זעקס חדשים האט די ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיציר ( ECO, Environmental Conservation Officer) רעקרוטן פארענדיגט מער פון 1,000 שעות פון טרענירונג ביי די אקאדעמיע אין פאלעסקי, אסוועגא קאונטי, וועלכע האט געדינט אלס א היים פאר די טרענירונג פאר עטליכע יארן. די ערשטע פאר וואכן האבן פאקיסירט בעיקר אויף בעיסיק פאליציי פעיגקייטן ווי פיזישע טרענירונג, איבונגען, און קאמפיוטער לעקציעס. די רעקרוטן האבן זיך אויך אריינגעטון אין מער אינטענסיווע טרענירונג אריינרעכענענדיג וואפן טרענירונג, עמערדזשענסי קאר אפעראציע, ווי צו ארויסווארפן כעמישע אפפאל, און אידענטיפיצירן אומלעגאלע פאנגן, צווישן אנדערע פעיגקייטן. פון די 20 רעקרוטן וואס האבן אנגעהויבן, זענען 18 פארבליבן ביז די טרענירונג האט זיך געענדיגט און וועלן זיך אנשליסן אין די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ECO פארס פאר א סך הכל פון 305 איינגעשוואוירענע אפיצירן.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג בעיסיל סיגאוס האט געזאגט,** "אונזער נייעסטע ECO קלאס האט דורכגעמאכט א שווערע טרענירונגס פראצעדור זיך צו אנשליסן אין די אנדערע אפיצירן פון די שווערע אבער באפרידיגונגע געזעץ אינפארסירונג ארבעט וואס ווארט זיי אפ אין קאמיוניטיס איבער'ן סטעיט. עס איז מיר א כבוד צו ארבעטן מיט די נייע אפיצירן און זייער מיטארבעטער צו אפהאלטן פאלוטער, די וואס ווארפן ארויס אפפאל אומלעגאל, אומלעגאלע פאנגער, צו באשיצן די פאבליק, און ווייטער מוטיגן קאמיוניטיס צו ארויסברענגען די פאבליק'ס אנערקענונג פון ניו יארק'ס נאטירליכע רעסאָרסן."

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג דיוויזיע פון געזעץ אינפארסירונג דירעקטאר, קערען פרסיקלעק האט געזאגט,** "די זעקס חדשים פון טרענירונג האט צוגעגרייט אונזער רעקרוטן צו באהאנדלן א ברייטע ווערקלאָוד פון קעיסעס אין געזעץ אינפארסירונג בכלל, ווי אויך ענווייראמענטאלע געזעץ. יעדן טאג ארבעטן אונזער אפיצירן אויף א פאר קעיסעס, פון אינפארסן רייני לופט און וואסער רעגולאציעס, צו שטיצן פיש און ווילדלייף געזעצן, און אויספארשן גרויסע ענווייראנמענטאלע פארברעכנס, אלעס צו באשיצן ניו יארקער פון ענווייראנמענטאלע פאלושען פון אויסנוצונג. איך בין פארזיכערט אז אונזער נייע אפיצירן זענען גרייט צו ווייטער ציען די רייכע טראדיציע פון ענווייראנמענטאלע באשיצונג."

די ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיציר טיטל, אין איר פארשידענארטיגע פארמען איבער די יארן, איז די עלטסטע אינפארסירונג פליכט איביר גאנץ ניו יארק סטעיט. אריגינעל, זענען שפיל באשיצער ערשט באשטימט געווארן פאר סערוויס אין יאר 1880 און די שטאלצע היסטאריע פון די דעוויזיע האלט נאך אן מער פון 140 יאר שפעטער. לעצטע יאר אליין, האט ECO'ס און פארשער געענפערט צו מער פון 26,000 רופן און געארבעט אויף קעיסעס מיט רעזולטאטן פון נאנט צו 11,600 טיקעטס אדער ארערעסטן פאר וויאלאציעס פון פאנגן הערשן אומלעגאל ביז ארויסווארפן אפפאל אומלעגאל, אומלעגאל מיינינג, די שווארצע מארקעט פעט אויסטויש, און עקסעסיווע עמישאן וויאלאציעס. צו לערנען מער וועגן די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, גייט צו https://www.dec.ny.gov/regulations/2437.html. איינמאל זיי גראדואירן וועלן די רעקרוטן ווערן אנגעוויזן פאטראל געגנטער אין איין פון די ניין DEC ראיאנען.

אונטן איז די ליסטע פון גראדואירטע פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס 23'סטע בעיסיק שולע פאר ECO'ס:

טיילער עיבלסאן, קארטלאנדט מענאר
מייכאל ברואטאן, סטעטען איילענד
בענדזשאמין קלינגער, ראנדאלף
טימאטי דעי, בינגהעמפטאן
לאורא דעוויטאו, שירלי
קייעל פארנער, גאוואנדע
קעיסי גייארעטענע, פלאראל פארק
קריסטאפער גונאן, סירעקיוס
דערעק הילטאן, האניבאל
פראנק קיגען, טראוי
דזשאון קארי, פיין בוש
אביגאיל קורץ, טראוי
דזשאסטין מיקגהי, העמפטאן בעיס
דזשאסטין ראפפאלד, אלבאני
ברעדלי סמיט, פלעינוויו

ברענדאן סוואַרט, קעיזענאָוויע
ניקאלעס ווענדעבוס, וואַרוויק
עמיליאו זוללאו, סאמערס

###